**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו דעזיגנירן א טייל פון סטעיט הייוועי סיסטעם אלס 4SP׳ ריטשערד עף. וואלטאן דזר. מעמאריעל הייוועי׳

***לעגיסלאציע (S.6799/A.7616) דעזיגנירט א טייל פון דער סטעיט הייוועי סיסטעם אין דער טאָון אָוו באַטערנאָטס, אטסעגא קאונטי, אלס דער 4SP׳ ריטשערד עף. דזר. מעמאריעל הייוועי׳***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע S.6799/A.7616 וואס דעזיגנירט א טייל פון דער סטעיט הייוועי סיסטעם אין דער טאָון אָוו באַטערנאָטס, אטסעגא קאונטי, אלס דער 4SP׳ ריטשערד עף. דזר. מעמאריעל הייוועי׳

"4SP ריטשערד וואלטאן דזר. איז אן אמעריקאנער העלד וואס האט געלעבט צו העלפן אנדערע און טראגיש פארלוירן זיין לעבן אין דינסט צו זיין לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דאזיגע דעזיגנירונג וועט פארעהרן זיין לעבן, העלדישקייט, איבערגעגעבנקייט, און די מסירות נפש מיט וואס ער האט זיך איבערגעגעבן פאר זיין לאנד."

ריטשערד וואלטאן דזר. איז געבוירן און אויפגעוואקסן אין דער טאָון אָוו באַטערנאָטס, ניו יארק, וואו זיין פאמיליע זענען געווען לאנג-יעריגע איינוואוינער. אום 1968 איז וואלטאן דורכגעגאנגען בעיסיק טרענירונג און מעדיצינישע טרענירונג נאכ'ן זיך איינשרייבן מיט די 326׳סטע מעדיצינישע באטאליאן, 101׳טע עירבּאָרן, אמעריקאנע דיוויזיע. אין נאוועמבער פון יענעם יאר האט ער וואלונטירט צו גיין צו וויעטנאם פאר אן איין-יעריגע פליכט טור. נאך זיין טור האט ער וואלונטירט זיך אומצוקערן צו זיין ארבעט אלס א מעדיק אין דרום-מזרח אזיע. נאך א קורצע רייזע אהיים צו פארברענגען קריסטמעס מיט זיינע עלטערן, האט וואלטאן נאכאמאל געענטפערט די רוף צו דינען זיין לאנד און זיך אומקערן צו דרום וויעטנאם.

אום פעברואר 6׳ט 1970, בשעת'ן דינען אין וויעטנאם, האט 4SP ריטשערד עף. וואלטאן דזר. פארלוירן דאס לעבן אין א העליקאפטער קראך.

**סענאטאר פיטער אבערהאקער האט געזאגט,** "א יעדע מאן און פרוי וואס טראגט דעמאוניפארם פון די מיליטער פון די פאראייניגטע שטאטן גיבט זיין לעבן פאר אונזער לאנד און אונזער לעבנסשטייגער. געוויסע, ווי ארמיי ספעציאליסט וואלטאן, האבן זיך מקריב געווען מיט ענדגילטיגער מסירות נפש. 4-SP וואלטאן האט געדינט צו העלפן אנדערע, ׳טראגנדיג א נאדל אנשטאט א גאָן׳, ווי ער פלעגט זאגן. עס איז מיין באשיידענע כבוד צו העלפן האלטן ביים לעבן זיין אנדענקן און פארזיכערן אז אנדערע ווייסן וואס ריטשערד וואלטאן דזר. באדייט פאר זיין היים-ארט פון גילבערטסוויל און זיין לאנד."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאו אנדזשעלינא האט געזאגט,** "עס פריידט מיט אז סטעיט ראוט 51 אין דער טאָון אָוו באַטערנאָטס וועט א נאמען געגעבן ווערן דער ׳ספעציאליסט 4׳טע קלאס ריטשערד עף. וואלטאן דזר. מעמאריעל הייוועי׳ דער אנערקענונג איז וויכטיג כדי אויף קיינמאל נישט צו פארגעסן וואס

ריטשערד האט מקריב געווען אין וויעטנאם אין 1970. ריטשערד האט שוין געדינט א שלאכט טור אלס א סאלדאט אין וויעטנאם, און פרייוויליג זיך אומגעקערט פאר נאך א טור אלס א מעדיק ווען זיין לעבן איז פארלוירן געווארן אין א העליקאפטער קראך. די דאזיגע דעזיגנירונג וועט זיין א דערמאנונג פאר יעדן צו זעהן בשעת זיי פארן אויף דער הייוועי, און וועט מעגליך זיין א טרייסט צו זיין איבערגליבענע פאמיליע מיטגלידער אז ריטשערד ווערט נישט פארגעסן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418